d06C114

Paris Copies 1949

די דריי "ארט"-יארן, וועגן וועלכע די עקזעקוטיווע און די לאנד-ארגאניזאציעס

פארנעמען גאר א באזונדערן פלאץ אין דער געשיכטע פון "ארט" און אין דער גע-
שיכטע פון דער בעזעלשאפטליכער ארבעט. די דאזיקע יארן זיינען בא אונז ניט
געווען גלייכמעסיק. זיי זיינען נישט געווען אלע פון איין שניט, פון איין
גוס. מיר האבן געהאט עטליכע הויך-פונקטן, אין פרט פון דערגרייכונגען און
הויכפונקטן אין פרט פון אינטערעסאנטע איניציאטיוון. פונדעסטוועגן מיין איך,
אז דער צייכן, דער סימן, מיט וועלכן דער גרויסער עולם פון דער יידישער וועלט
וועט באצייכענען אט דעם גאנצן באריכטס-פעריאד, וועט זיין מפחמא דער גרויסער
פארנעם, דער ברייטער אומפאנג פון דער ארבעט, עס וועט הייסן דער פעריאד פון
די גרויסע צאלן. גרויסע צאל לענדער; גרויסע צאל אינסטיטוציעס; און א גרויסע
צאל שילער. איצטער, ווען מיר האלטן בא דעם סיום פון אט דעם ריייאריקן פעריאד
און מיר פארענדיקן דאס קאפיטל, איז איידער מיר מישן איבער דאס לעצטע בלאט,
זיינען מיר פאסט פאקטום, לאחר המעשה הייסט עס, אין שטאנד זיך פארצושטעלן,
וואס האט מען באדארפט אין די לעצטע דריי יאר פלאנעווען עקזאקטער און אויס-
פירן בעסער, איצטער קענען מיר דאס אונז פארשטעלן. אבער פון דער אנדערער זייט
פארשטייען מיר, אז אויב ניט אלץ איז בשעתו, אין זיין צייט, געטאן געווארן
אזוי ווי מיר טראכטן היינט, איז שולדיק דערין דער עלעמענטארער דרוק פון די
געשעענישן, פון דעם פלטים-שטראם, פון דעם פראבלעם פון די דיספלעיס פערסאנס
און פון די פארהעלטענישן אין אלע לענדער, וואס זיינען נישט געווען סטאביל.
איך גלויב נישט, אז די קומענדיקע דריי יאר וועלן טראגן דעמזעלביקן צייכן פון
גרויסע מאסן-ארבעט, איך גלויב דערין נישט. איך האלט, אז אפילו אין ארץ-ישראל
ווו עס שטייט די אויפגאבע צו אבסארבירן צענדליקער טויזנטער עולים, עמיגראנטן
און אויך אין צפון-אפריקע וועט דער כאראקטער פון אונזער ארבעט אין לויף פון
די קומענדיקע דריי יאר זיין אנדערש, ווי, למשל, אין דייטשלאנד און עסטרייך.
אויך די כחות, די אנשטרענגונגען אונזערע, די שווערפונקטן פון אונזערע אנ-
שטרענגונגען וועלן פארטיילט ווערן אנדערש איבער דעם געאגראפישן שטח פון אונ-
זער ארבעט. דערפאר מיין איך אבער, אז עטליכע טענדענצן, וואס האבן זיך שוין אנ-
געצייכנט דייטליך אין דער פראקטיק פון דעם פארגאנגענעם פעריאד, וועלן אין א
סך א שטארקערער מאס דאמינירן אין אונזער ארבעט פון די קומענדיקע יארן.

וואס זיינען דאס פאר א טענדענצן, וועלכע מען האט שוין געקענט דערקענען
אין די לעצטע דריי יאר און וועלכע וועלן, ווי איך זאג, דאמינירן אין די קו-
מענדיקע דריי יאר? די דאזיקע טענדענצן זיינען צום אונטערשייד פון צופעליקע
מעטאדן און צופעליקע מאסמיטלען, וועלכע מיר האבן גענוצט אין די אקופירטע
לענדער, צום אונטערשייד פון אט די מעטאדן, זיינען די טענדענצן וועזנטליך
ד.ה. טענדענצן, וואס קומען ארויס ארגאניש פון דעם עצם ציל און כאראקטער פון